# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב

**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת ויגש

# א מצוה מיט התלהבות

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י

**רבי אביגדור מיללער'ס**
**אינשורענס**

שיעורים פאר שנה ראשונה יונגערלייט



ב"ה

רב אביגדור מיללער'ס

# Marriage Insurance

האט איר חתונה געמאכט אין תשפ"א?
**געבט אייער חתן א מתנה פאר'ן לעבען**
שיעורים פאר שנה ראשונה יונגערלייט

יסודות'דיגע שיעורים אויף
**בנין בית נאמן בישראל**
געבויט אויף די קלארע און לויטערע
תורה השקפה פון
הרה"צ ר' אביגדור מיללער זצוק"ל



**פלעצער זענען**
**באגרעניצט, רופט שוין:**
**(413) 407-0406**
**RavMillerMarriage@gmail.com**

בהסכמת
גדולי
הרבנים

פארגעלערנט דורך
**הרב פינחס וואלהענדלער שליט"א**
יו"ר ארגון **תורת אביגדור**

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*
**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ויגש
שנה ג׳

# א מצוה מיט התלהבות

תוכן:

חלק א. די מצוה וואס האט געראטעוועט - חלק ב. א מצוה לעבט - חלק ג. דער צוגאנג צו א מצוה

## חלק א. די מצוה וואס האט געראטעוועט

### די גרויסע פאראייניגונג

אין די וואכעדיגע סדרה ליינען מיר ווי אזוי יוסף האט זיך אנטפלעקט פאר זיינע ברידער און דאן זיי צוריקגעשיקט קיין ארץ כנען מיט א שליחות צו זיין טאטן אים צו בעטן צו אראפקומען קיין מצרים, כדי צו זיין פארזיכערט מיט שפייז דורכאויס דעם הונגער וואס האט געפלאגט דאס לאנד.

"נעמט אייער פאטער און הויזגעזינד און קומט אראפ קיין מצרים און איך וועל אייך שטיצן מיט עסן און אלעס גוטס" (ויגש מה:יח). און דאס איז וואס האט פאסירט: יעקב האט געזאגט, "איך וועל אראפגיין צו מיין זון פאר איך שטארב," און דערנאך ענדליך, נאך א רייזע פון לאנגע וואכן, 'זענען יעקב און זיין פאמיליע אנגעקומען צו דאס לאנד מצרים' (שם. מה:כח, מו:כח).

די תורה דערציילט אז ווען יוסף האט געהערט אז זיין פאטער'ס קאראוואן איז אנגעקומען קיין מצרים, **וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ וַיַּעַל לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל אָבִיו** - יוסף האט איינגעשפאנט זיין וואגן און איז ארויסגעפארן צו באגריסן זיין פאטער (בראשית מו:כט). דאס מיינט אז ער האט פארלאזט זיין פאלאץ, ארויסגענומען די פערד פון זיין שטאל, זיי איינגעשפאנט צו זיין וואגן און ארויסגעפארן צו מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב.

### איך וועל טון אליין

די חז"ל באטאנען אז וואס עס האט פאסירט אין יענעם טאג איז געווען היבש אומגעוועגליך. יוסף, נאך אלעם, איז געווען דער משנה למלך, דער צווייטער פירער פון מצרים, ער האט געהאט געווען קנעכט צו זיין דינסט וועלכע האבן אויסגעפירט יעדן באפעל. ער וואלט געקענט אריינרופן זיין קנעכט צו זיין רעכטע האנט און אים געבן א באפעל, "גרייט צו מיין וואגן," און דאס ווארט וואלט גיך אריבערגעגאנגען צום קנעכט ביים שטאל. עס וואלט אויסגעפירט געווארן תיכף! אזוי איז אלעמאל געטון געווארן און ביי דעם פאל וואלט נישט געווען אנדערש.

דארפט איר פארשטיין ווי מאדנע עס האט אויסגעזען אין די אויגן פון יוסף'ס קנעכט ווען זיי האבן אים געזען לויפן צום שטאל אנגעטון אין זיינע קעניגליכע קליידער און זיין קרוין. נישטא קיין ספק אז זיי האבן געקוקט מיט וואונדער אויף דעם האר פון פאלאץ ווי ער עפנט די טיר פון שטאל און מיט זיינע אייגענע הענט שפאנט ער איין די פערד צום וואגן. די קנעכט האבן זיך צוגעקוקט - זיי האבן געוואלט טון זייער פליכט - אבער יוסף האט זיי פארשיקט. "לאזט גיין," האט ער געזאגט, "איך וועל עס טון אליין." זיי האבן זיכער געצויגן מיט זייערע פלייצעס און אויפגעהויבן זייערע אויגן ברעמען אבער וואס האבן זיי דען געקענט טון? זייער האר האט זיי נישט צוגעלאזט.

איז פארוואס האט ער טאקע איינגעשפאנט זיין וואגן מיט זיינע אייגענע הענט? דאס איז די שאלה וואס די חז"ל פרעגן. און זיי ערקלערן (בראשית רבה מה:ח), אז אין יענע מינוטן האט יוסף זיך פארגעסן; ער האט פארגעסן די כללים. יוסף'ס געוואלדיגע ליבשאפט צו די מצוה פון כיבוד אב האט אים געמאכט פארגעסן דעם ריכטיגן סדר. ער איז געווען אזוי פרייליך צו די געלעגנהייט צו מכבד זיין זיין טאטן - בפרט נאך אזויפיל יארן וואס ער איז געווען אפגעהאלטן פון די מצוה - איז יעצט, ווען ער קען שוין ענדליך אים גיין באגריסן, האט ער נישט געקענט איינהאלטן זיין התלהבות. און אזוי האט ער זיך ארויסגעאיילט פון זיין פאלאץ, אליין אויפגעשפארט די טיר פון שטאל, ארויסגענומען די פערד, זיי איינגעשפאנט צו זיין וואגן און ארויסגעפארן באגריסן זיין לאנג פארבענקטער פאטער.

## דער אונטערדריקער'ס חרטה

אצינד וועלן מיר פאראויסריקן די צייט מיט 210 יאר. מיר שטייען אצינד מער ווי צוויי הונדערט יאר נאך דעם עפיזאד, ווען די בני ישראל גייען ענדליך ארויס פון מצרים. נאכ'ן ליידן פון אזויפיל מכות, האט פרעה ענדליך זיך אונטערגעגעבן און זיי ארויסגעלאזט פריי און אצינד מארשירן זיי ארויס פון מצרים אויפ'ן וועג צו ארץ כנען.

און דאן, באלד ווי ער האט זיי ארויסגעלאזט האט ער חרטה געהאט. **מַה זֹּאת עָשִׂינוּ כִּי שִׁלַּחְנוּ אֶת יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ** - "וואס האבן מיר געטון?" האט פרעה געזאגט, "מיר האבן ארויסגעשיקט אזא מאסן קנעכט פון אונז דינען!" (שמות יד:ה). ווען ער איז געקומען צו זיך און אנערקענט אז ער האט אצינד פארלוירן א ריזיגער ארבעטס קראפט וועלכע האבן געארבעט פאר זיינעט וועגן בייטאג און ביינאכט פאר אומזיסט, האט ער טאקע באקומען אנדערע געדאנקען. ער האט געשוימט פון כעס: "עס איז אבסורד וואס איך האב נארוואס געטון! צו לאזן די קנעכט ארויסגיין פריי און נאך אויך מיטנעמען אונזער געלט מיט זיך?! אזויפיל קנעכט! אזויפיל פארמעגן! וואס האב איך געטון אז איך האב זיי ארויסגעשיקט?! בין איך משוגע געווארן?!"

## פרעה'ס פלאן

אין יענעם מאמענט איז פרעה געווארן איבערגענומען מיט אזא אויפרעגונג, אז ער האט באשלאסן זיי צוריקצוברענגען. ער האט אזוי שטארק געוואלט צוריקכאפן זיין פארלוסט, אז ער איז ארויסגעלאפן פון זיין פאלאץ. **אָמַר אוֹיֵב אֶרְדֹּף אַשִּׂיג אֲחַלֵּק שָׁלָל תִּמְלָאֵמוֹ נַפְשִׁי אָרִיק חַרְבִּי** - דער פיינט האט געזאגט, "איך וועל נאכיאגן, איך וועל זיי איבערנעמען און איך וועל אויסשטרעקן מיין שווערד" (שם. טו:ט). ער האט זיך פארגעשטעלט, צוזיילנדיג זיין וואגן נאכיאגנדיג זיינע אנטלאפענע קנעכט האט ער זיך שוין פארגעשטעלט ווי ער וועט פארגיסן אביסל בלוט פון זיי און דאן, ווער עס וועט איבערבלייבן וועט ער צוריקשלעפן צו קנעכטשאפט. און אזוי האט ער גענומען זיין ארמיי און אנגעהויבן נאכיאגן דאס אידישע פאלק.

מיר ווייסן אלע וואס איז ארויסגעקומען; מיר ווייסן ווי אזוי פרעה האט געליטן א ביטערע נידערלאגע: **וּמִבְחַר שָׁלִשָׁיו טֻבְּעוּ בְיַם סוּף** - זיינע בעסטע הערן און אלע זייערע געצייג זענען איינגעזונקען אין ים (שם. טו:ד). דער מעכטיגער קראפט איז דערנידערט געווארן און נאכדעם האט מצרים נישט אויפגעהויבן זייער קאפ פאר פיל יארן. דאס אידישע פאלק איז געראטעוועט געווארן אויף אזא וואונדערליכן וועג אז מיר הערן גארנישט פון מצרים פאר הונדערטער יארן נאכדעם.

## אין וועלכן זכות?

די חז"ל האבן גוט געוואוסט דעם יסוד אז אלעס וואס דער באשעפער טוט האט א סיבה און דערפאר האבן זיי געוואלט זוכן וואספארא זכות האט דאס אידישע פאלק געהאט צו זוכה זיין צו אזא ישועה. נאך אלעם, זענען זיי געווען אין א גרויסע סכנה! זיי זענען פארכאפט געווארן צווישן די ריזיגע מצרי'שע ארמיי און דער ים און עס האט אויסגעפעלט א געוואלדיגער נס זיי צו ראטעווען. וואס איז דאס געווען וואס האט געהאלפן דאס אידישע פאלק אין יענעם געפארפולן מאמענט?

האבן די חכמים אריינגעקוקט אין די תורה און געפונען דעם ענטפער. סוף כל סוף האט דער באשעפער געשריבן די תורה מיט רמזים אויף אלעם, אזוי אז מענטשן וואס ווייסן ווי אזוי אפצולערנען די תורה קענען דארט טרעפן די סיבות צו אלעס וואס פאסירט. דאס איז נישט פאר יעדן צו פארשטיין, אבער די חכמים, די תנאים און אמוראים, זיי זענען געווען מומחים און זיי האבן געקענט דורכטון די פאסירונגען פון תנ"ך און זוכן די רמזים צו פארשטיין פארוואס זאכן האבן פאסירט אין א געוויסער וועג.

אזוי האבן די חכמים אנגעהויבן צו זוכן עפעס א רמז אויף וואספארא זכות די אידן האבן געהאט אז פרעה זאל האבן אזא נידערלאגע קעגן זיי. אפשר איז דא ערגעץ וואו מיר קענען טרעפן א רמז און צאמפלעכטן איינס צום צווייטן? און **יגעת ומצאת** - אויב מען זוכט געפינט מען. און אזוי, ווען אונזערע חכמים האבן געזוכט האבן זיי געפונען.

## לאגישע פארגלייכונגען

ווען פרעה'ס הארץ האט אים געהאמערט און ער האט באשלאסן צו פירן זיין ארמיי נאכצויאגן דאס אידישע פאלק, האט עפעס מערקווירדיג פאסירט. דער קעניג פון מצרים איז געלאפן צום שטאל, געעפנט די טיר, ארויסגעשלעפט זיינע פערד און זיי אליין איינגעשפאנט צו זיין וואגן!

זיינע קנעכט זענען זיכער געלאפן עס צו טון פאר אים אבער פרעה האט זיי געשיקט צו אזייט! און זיינע קנעכט האבן געקוקט מיט פארוואונדערונג. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין זייערע לעבן וואס זיי האבן געזען אזא זאך! א קעניג זאל ארויסגיין און ארויסשלעפן זיינע פערד פון זיין שטאל און זיי איינשפאנען? איך ווייס נישט אויב א פרעה האט אמאל איינגעשפאנט א פערד דורכאויס די היסטאריע פון אלע פרעה'ס! דאס איז מערקווירדיג. אבער דאס איז וואס דער פסוק זאגט: **וַיֶּאְסֹר אֶת רִכְבּוֹ** - און ער האט איינגעשפאנט זיין וואגן (שמות יד:ו).

אאה! דאס זענען באקאנטע ווערטער! ביי יוסף זעען מיר אן ענליכער לשון: **וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ** - יוסף האט איינגעשפאנט זיין וואגן. און ווייל די שפראך אין די תורה ווערט שטענדיג געמאסטן מיט א פונקטליכקייט, האבן אונזערע חכמים פארשטאנען אז עפעס ליגט אין דעם.

דאס איז דער יסוד אונטער א גזירת שווה - ווען מ'טרעפט אן אויסדרוק אין איין ארט און אן ענליכער אויסדרוק אין א צווייטן ארט, איז עס א רמז אז עס איז דא א פארבינדונג צווישן די צוויי.

און דערפאר, ווייל די חכמים האבן געלערנט תורה מיט א פארגרעסערונגס גלאז, ווייל זיי האבן אריינגעטראכט אין יעדן אות, איז ווען זיי זענען אנגעקומען צו די צוויי ענליכע אויסדרוקן, "און יוסף האט איינגעשפאנט זיין וואגן," און "פרעה האט איינגעשפאנט זיין וואגן," האבן זיי פארשטאנען אז נישט אומזיסט האט די תורה געשריבן די צוויי ענליכע אויסדרוקן מיט'ן זעלבן באדייט.

## השפעה פון א מצוה

אלזא, דאס איז וואס די חכמים האבן געזאגט איבער די נושא (מדרש, בראשית רבה): **תבא אסרה שאסר יוסף לקראת אביו** - זאל קומען די איינשפאנונג וואס יוסף הצדיק האט געטון אליין צוליב זיין חשק צו גיין באגריסן זיין טאטן, **ותעמוד על אסרה של פרעה שהיה הולך לרדוף את ישראל** - און זאל דאס ביישטיין אויף דעם וואס פרעה האט איינגעשפאנט זיין וואגן כדי צו נאכיאגן דאס אידישע פאלק און נעמען נקמה אין זיי. אונזערע חכמים זאגן, אז די גלייכקייט צווישן די אויסדרוקן לערנען אונז אז יוסף'ס מצוה האט געהאט עפעס צו טון מיט אפהאלטן פרעה פון אויספירן זיינע באגערן; די מצוה האט געהאט אזא השפעה אז עס האט געראטעוועט דאס אידישע פאלק.

אלזא, מיר דארפן אין אכט נעמען אז די מעשה פון פרעה האט פאסירט 210 יאר נאך יוסף'ס טאט פון איינשפאנען זיין וואגן. יוסף איז שוין לאנג נישט געווען אויף די וועלט און מן הסתם האט קיינער גארנישט געדענקט פון דעם עפיזאד. זיי האבן געוואוסט אז יעקב אבינו איז געקומען קיין מצרים און אז יוסף איז ארויסגעגאנגען אים באגריסן, אבער עס איז גאנץ ווארשיינליך אז קיינער האט נישט געדענקט דעם פרט ווי אזוי יוסף האט איינגעשפאנט אליין זיינע פערד. עס קען אפילו זיין אז קיינער האט קיינמאל נישט געוואוסט דערפון - מיר ווייסן דאס נאר ווייל מיר האבן א תורה. און אפילו אויב זיי האבן יא אמאל געוואוסט, איז עס מן הסתם שוין לאנג פארגעסן געווארן. נאך אלעם איז צוויי הונדערט און צען יאר א לאנגע תקופה! ווער געדענקט דען א קליינער אומוויכטיג אויסזעענדער פרט פון א מעשה וואס האט פאסירט צו זיין עלטער עלטער זיידע צוויי הונדערט יאר צוריק?

איך וועל אייך זאגן ווער עס געדענקט אזא פרט. דער באשעפער געדענקט; ער געדענקט אלעס.

## עס לעבט אייביג

דאס איז וואס עס מיינט, "זאל קומען די איינשפאנונג וואס יוסף האט אליין געטון, און עס זאל בייקומען די אנשטרענגונג פון פרעה וועלכער האט אליין איינגעשפאנט זיין וואגן." ווען יוסף איז ארויס צו זיין קעניגליכער שטאל צו איינשפאנען זיינע פערד, איז די דאזיגע פעולה נישט אפגעשטעלט געווארן ווען ער איז ארויפגעקראכן אויפ'ן וואגן. דער טאט איז קיינמאל נישט אפגעשטארבן. עס האט ווי געשוועבט אין די לופט; עס האט געשוועבט און געווארט.

יארן זענען פארביי. יוסף איז נסתלק געווארן און דערנאך, ויקם מלך חדש, א נייער קעניג איז געקומען צו די מאכט. און דאן איז געקומען דער שיעבוד, די יארן פון קנעכטשאפט און שפעטער זענען די מצריים געשלאגן געווארן מיט די מכות און דערנאך האט דאס אידישע פאלק פארלאזט מצרים. די אלע 210 יאר האט די מצוה געשוועבט אין די לופט. און דאן איז ענדליך געקומען דער טאג ווען פרעה האט איינגעשפאנט זיין וואגן צו נאכיאגן דאס אידישע פאלק. וואס האט דעמאלט פאסירט? יוסף'ס גוטע מעשה איז געקומען און באפאלן פרעה'ס מעשה און עס אפגעווישט. יוסף'ס איינשפאנונג האט איבערגעוועלטיגט פרעה'ס איינשפאנונג; עס האט פארטיליגט די השפעה און צענישט געמאכט דעם פלאן פון פרעה.

וואס מיר זעען דא, איז א ביישפיל פון די תורה פון א מצוה וואס טוט אויף, אויף אייביג און אייביג; פון א מצוה וואס טוט פארזעצן צו ארבעטן פאר די מענטשן וועלכע האבן דאס קונה געווען. מצוות טוען אונז נאכאנאנד געבן דעם גרעסטן גליק, ווייל איינמאל א מעשה איז געטון געווארן פארבלייבט עס אויף אייביג. עס קען דיר העלפן איין טאג; עס קען העלפן דאס גאנצע פאלק אין צוויי הונדערט יאר ארום. דו קענסט קיינמאל נישט וויסן וואס עס קען אויפטון. עס גייט נישט אוועק; יעדע מצוה וואס דו טוסט לעבט אויף אייביג.

# חלק ב. א מצוה לעבט

## א מצוה לעבט

מיר לערנען אצינד אז ווען יוסף האט איינגעשפאנט דעם פערד צו גיין באגריסן זיין טאטן, האט עס געהאט א ספעציעלער כח, א ספעציעלע מעגליכקייט צו משפיע זיין 210 יאר שפעטער, ווייל עס איז געווען א טאט וואס מיר רופן 'מצוה'.

לאמיר זאגן דיין טאטע וואוינט אינדרויסן פון שטאט און דו האסט זיך באזעצט אין שטאט, אין ברוקלין; אויב דו ווייסט אז דיין טאטע קומט דיר באזוכן וועסטו נישט סתםווארטן אינדערהיים ביז ער קלאפט אויפ'ן טיר. דאס איז אמעריקאניש, ס'איז מנהג אמעריקע. אבער על פי תורה - און אויך על פי שכל, דרך אגב - אויב דיין טאטע און מאמע קומען, איז פאסיג זאלסט ארויספארן צום לופטפעלד אדער באן סטאנציע זיי אפצואווארטן. דאס וואלט געדארפט זיין איבריג צו זאגן, אבער היינט צוטאגס פעלט יא אויס עס צו דערמאנען.

און אזוי פארשטייען מיר אז ווען יוסף הצדיק איז ארויסגעגאנגען באגריסן זיין פאטער האט ער געטון וואס יעדער גוטער איד וואלט געטון - עס איז געווען א מצוה - אבער מיר לערנען דא עפעס ניי. מיר מיינען אז א מצוה באדייט עפעס אזוי ווי אן ארבעט וואס ווערט גוט געטון; מיר האבן עס געטון און מיר וועלן באצאלט ווערן דערפאר אויף יענע וועלט און געענדיגט. אודאי, דאס איז אויך ווערדפול. עס ווערט פארשריבן מיט איינגעזעצטע טינט אויף די זייט פון די זכותים און עס בלייבט דיינס אויף אייביג און אייביג. אבער מיר לערנען אצינד אז א מצוה איז פיל מער ווי א פארשריבענער באריכט - א מצוה איז א לעבעדיגער באשעפעניש!

## א נצחיות'דיגער באשעפעניש

אצינד לייגט צו קאפ: איך האב נישט געזאגט 'א באשאפונג', איך האב געזאגט 'באשעפעניש'. רבינו יהודה הלוי אין זיין ספר כוזרי שרייבט אז א מצוה איז א פאקטישער לעבעדיגער מציאות. אודאי, עס לעבט נישט אזוי ווי מיר לעבן. עס דארף נישט ווערן געפיטערט אדער ארומגעוואשן. אבער ס'איז א לעבעדיגע זאך, עפעס וואס האט אן אייגענע סארט עקזיסטענץ.

אויב ווילט איר א צוגלייך, קענט איר עס רופן א מלאך. אלזא, ווערט נישט דערשראקן פון דעם נאמען מלאך. עס דארף נישט זיין עפעס מיט פליגלען - די פליגלען זענען בלויז אינעם בילד אז מיר זאלן ווערן אנטציקט פון די מלאכים. אבער א מלאך איז פיל העכער ווי פליגלען. ס'איז עפעס פון רוחניות וואס ענטהאלט אזא אויסטערלישער כח אז עס דארף נישט האבן קיין פליגלען זיך צו באוועגן. עס איז פיל מער מאכטפול ווי א באשעפעניש מיט פליגלען - דאס איז בלויז א משל לסבר את האוזן, עס צו מאכן גרינגער פאר אונז צו פארשטיין און שפירן וואס א מלאך איז.

אבער סיי וואס א מלאך איז פונקטליך, טוט א מצוה פארעמען א מציאות וואס וועט פארבלייבן אויף אייביג. ווען דו טוסט אן תפילין, ווען דו קלאפסט ארויף א מזוזה ביי דיין טיר, ווען דו זאגסט ברכת המזון נאכ'ן עסן, ווען דו געבסט א פרוטה פאר צדקה פאר אן ארעמאן, ווען דו זאגסט שמע ישראל, ווען דו דערמאנסט יציאת מצרים, ווען דו טראכסט ה' אחד אדער סיי וואספארא אנדערע מצוות דו טוסט, באשאפסטו א נצחיות'דיגער באשעפעניש, עפעס וואס וועט עקזיסטירן אויף אייביג. און נישט נאר וואס עס עקזיסטירט, נאר עס טוט פארזעצן צו משפיע זיין.

## קינדער פון די ערליכע

א מצוה, זאגט דער כוזרי, איז פונקט ווי צו באשאפן א קינד. דער כוזרי, דארפט איר וויסן, איז געווען פון די ראשונים - ער רעדט נישט פון פאנטאזיעס. ער רעדט פראקטיש און יעדעס ווארט איז אויסגערעכנט. און ער זאגט אז ווען דו טוסט א מצוה טוסטו באשאפן א לעבעדיגע זאך גארנישט אנדערש ווי די באשאפונג פון א קינד!

ווי אזוי ווערט א קינד באשאפן? עס זענען דא הונדערטער און טויזנטער פרטים וואס דארפן שטימען צו ברענגען א קינד אויף די וועלט. א לעבעדיגע זאך איז אזוי קאמפליצירט, אז עס פאדערט אומצאליגע פאקטארן וואס זאלן זיך צוזאמקומען צו ברענגען א לעבנסקראפט צו די עקזיסטענץ!

אלזא, דער כוזרי זאגט אונז אז פונקט אזוי איז מיט א מצוה. "**אלה תולדות נח, נח** - דאס זענען די קינדער פון נח: נח." וואס מיינט דאס? זאגט דער מדרש, **תולדותיהם של צדיקים מעשיהם** - די מצוות פון א מענטש, דאס זענען זיינע ריכטיגע קינדער. ווער איז געווען נח'ס וויכטיגסטער קינד? ער אליין. וואס ער האט קונה געווען אין עבודת ה' איז געווען זיין וויכטיגסטע באשאפונג אויף די וועלט.

## מצבים און פרטים

און פונקט ווי א קינד קען באשאפן ווערן נאר אויב עס טוען צושטאנד קומען אלע תנאים, איז א מצוה נישט אנדערש. אזוי זאגט דער כוזרי! ער זאגט, אז ווייל א מצוה איז עפעס וואס לעבט, דערפאר קען עס באשאפן ווערן נאר אין געוויסע אופנים; עס וועט נישט באקומען קיין קראפט, נאר אויב אלע תנאים ווערן ערפילט.

דערפאר, זאגט ער, אויב דו טוסט א מצוה דארפסטו זיין דערביי; עס דארף דיר אנגיין די פרטים, די פונקטליכע תנאים. געוויסע מענטשן, עמי הארצים, רעדן זיך אפ איבער דעם: "וואס ביסטו אזוי באזארגט איבער די קליינע פרטים? וואס מאכסטו אזא עסק?" דער ענטפער איז, ווייל מיר באשאפן לעבעדיגע זאכן גארנישט אנדערש ווי קינדער.

אויב נאר טייל פון די פרטים טויגן נישט אין די באשאפונג פון א מענטש, איז דער רעזולטאט א קאטאסטראפע. מען זעט אמאל אויפ'ן גאס א קינד אן קיין פינגערס, אדער א קליינער אינגל אין א ראדשטול וואס ער קען זיך נישט רירן - ער דארף האבן איינער זאל אים אפווישן די שפייעכץ פון די ליפן. דאס איז דער רעזולטאט פון קליינע פרטים אין די צעלן וואס האבן זיך נישט גוט אנטוויקלט. און די פרטים פון א מצוה זענען גארנישט ווייניגער קריטיש און דעצידירנד ווי די פרטים פון א צעל.

## פארלירן א גאנצע מצוה

דערפאר, ווען דו האקסט ארויף א מזוזה און פון נאכלעסיגקייט בויערסט אדורך אין די אותיות פונעם פארמעט, יעצט איז דא א לאך, איז די מזוזה ווערדלאז. אויב הענגסטו עס אויף ביים שוועל פון

טיר, האסטו גארנישט געטון. ס'איז נישטא וואס צו טון דערמיט אויסער לייגן אין שמות. אדער תפילין; לאמיר זאגן דו האסט אויסגעגעבן אסאך געלט אויף דיינע תפילין און די בתים זענען קעסטלדיג און שווארץ און די רציעות זענען געמאכט פון כשר'ע לעדער. און די פרשיות זענען געשריבן אויף כשר'ע פארמעט. אין יעדן הינזיכט האסטו אויסגעפירט אלע תנאים. אבער אויב אין איינע פון די פרשיות איז אפילו בלויז איין אות געשריבן געווארן נישט ריכטיג, דאן איז די גאנצע תפילין גארנישט. לאמיר זאגן אז דער קוצו של יוד, דער אונטערשטער שפיץ פונעם יוד פעלט, איז די גאנצע תפילין פסול. ס'איז ווערדלאז. ס'איז ווי דו זאלסט לייגן א קעסטעלע פון צוקער אויף דיין ארעם.

אויב א איד האט דורכאויס זיין גאנץ לעבן אנגעטון אזעלכע תפילין, ער האט קיינמאל נישט אויסגעלאזט א טאג, ווערט ער נאך אלץ אנגערופן א **קרקפתא דלא מנח תפילין** - ער ווערט באטראכט ווי א מענטש וואס האט קיינמאל נישט געלייגט קיין תפילין, דורכאויס זיין גאנץ לעבן. דאס איז אן עקסטרעמע באהויפטונג, ווייל ער האט דאך פאקטיש יא אנגעטון תפילין יעדן טאג! און ער האט געוואלט אנטון תפילין. און די תפילין זענען געווען דארט. די שווארצע קעסטלעך זענען דארט געווען. די רציעות, די בענדלעך, זענען דארט געווען. אפילו די פרשיות זענען געווען דארט! בלויז אויף איין אות, ביי דעם קליינעם שפיץ פונעם יוד, דער קוץ האט געפעלט! דאס איז די גאנצע!

צו דער אומגעלערנטער איד זעט עס אויס מאדנע, איבערגעטריבן. וואספארא חילוק מאכט עס? מערסטנס פון די אותיות זענען דא! פארוואס זאגט מען נישט אז ער באקומט דעם גרעסטן טייל פון די מצוה? כאטש אזויפיל. נאך אלעם, דער איינער אות איז בלויז א קליינער טייל פון די מצוה, איז זאל ער כאטש באקומען דעם גרעסערן טייל פון די מצוה.

דער ענטפער איז, אז ווען א קינד דארף באשאפן ווערן און איינע פון די וויכטיגע תנאים פעלט, באקומסטו נישט דעם גרעסטן טייל פונעם קינד. די גאנצע זאך ווערט נישט ערצייגט, ווייל אזוי איז עס מיט לעבעדיגע זאכן; לעבעדיגע זאכן פאדערן דער צוזאמשטעל פון אלע תנאים; אנדערש ווערט עס נישט באשאפן.

און ווייל א מצוה איז גארנישט ווייניגער א לעבעדיגער מציאות ווי א קינד, דערפאר מוז עס געטון ווערן לויט אלע פארשריפטן. מען דארף אויספאלגן דעם גאנצן רעצעפט. און אויב איין וויכטיגער תנאי פעלט, טוט די מצוה אינגאנצן נישט עקזיסטירן. אויב איינער וועט נעמען די ארבע מינים סוכות און אנשטאט אן אתרוג וועט ער נעמען א לעמאן, האט ער אינגאנצן נישט מקיים געווען די מצוה. ס'איז גארנישט געטון געווארן.

## פראקטישע הילף

דאגעגן, אויב ביסטו מצליח צו באשאפן דער לעבעדיגער מציאות, פארבלייבט עס אויף אייביג; עס טוט ווייטער עקזיסטירן פונקט ווי יוסף'ס מצוה האט פארגעזעצט צו לעבן און משפיע זיין. אייגנטליך האבן מיר א קלארער משנה וואס זאגט אונז: "**העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד** - ווער עס טוט א מצוה קויפט זיך א פארטיידיגער" (אבות ד:יא). דאס מיינט, א מצוה רעדט לטובת דער וואס האט עס געטון.

אבער פון די מעשה פון יוסף הצדיק לערנען מיר א וואונדערליכער יסוד, אז דער באשעפעניש איז אזוי מאכטפול אז עס האט די מעגליכקייט דיר צו ראטעווען נישט נאר אויף יענע וועלט, נאר אויך אויף די וועלט! אויב האסטו מצוות דאן **מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ**, דער באשעפער וועט באפעלן פאר זיינע מלאכים פאר דיינעט וועגן, **לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ**, דיר צו היטן אין אלע דיינע וועגן (תהלים צא:יא).

אין תהלים (כ) שטייט: **יַעַנְךָ הַשֵּׁם בְּיוֹם צָרָה** - דער באשעפער וועט דיר ענטפערן אין טאג פון א צרה. יעדער מענטש האט אמאל א טאג אין וועלכן ער נויטיגט זיך אין הילף. מיר דארפן אלעמאל הילף אבער אמאל דארף מען ספעציעלע הילף. און מיר לערנען אצינד אז די מצוות וואס דו האסט געטון קענען דיר ראטעווען. **יַעַנְךָ הַשֵּׁם בְּיוֹם צָרָה** - ער וועט דיר ענטפערן אין טאג פון א צרה, **יִזְכֹּר כָּל מִנְחֹתֶךָ** - ער וועט געדענקען אלע דיינע קרבנות, **וְעוֹלָתְךָ יְדַשְּׁנֶה סֶלָה** - און די פעטנס פון דיינע פארברענטע קרבנות וועט ער נעמען אין באטראכט; דאס מיינט, ער וועט געדענקען דיינע מצוות ווען דו ביסט אין אן עת צרה.

## דרינגנדע אסיפות

ווען א מענטש ליגט חס ושלום אויף אן אפעראציע טיש, דארף ער הילף. ווער גייט דען נישט אמאל דורכאויס דעם לעבן אריבער אן אפעראציע, און מען איז אנגעוויזן אז דער כירורג זאל טון א גוטע ארבעט. אן אפעראציע איז זייער א הייקעלע פראצעדור, דער כירורג דארף אויסמיידן פארשידענע אדערן און בלוט צעלן. דערפאר געבט מען זיך נישט איבער אונטער'ן מעסער פון א פשוט'ן קצב. מען באצאלט נישט קיין געלט פאר איינער וואס מיינט אז ער איז א מומחה.

אלזא, ווען דער כירורג הייבט אן צו שניידן, קענען אסאך זאכן פאסירן. זיין האנט קען געבן א קליינער גליטש. דערנאך וועט ער אודאי גארנישט זאגן פאר די משפחה מיטגלידער. זיי וועלן בלויז זאגן אז דער פאציענט איז געשטארבן אויפ'ן אפעראציע טיש. דאס איז וואס זיי זאגן ווען דער כירורג'ס האנט גליטשט.

אדער אפשר קען דער כירורג ניסן. וואס פאסירט ווען ער ניסט? דער פאציענט איז א געענדיגטער! וואס געשעהט? פונקט אין יענעם מאמענט ווען דער דאקטער שפירט אז ער דארף ניסן, ווערט צוזאמגערופן א זיצונג אויבן אין הימל; דער בית דין של מעלה קומען זיך צוזאם און זאגן, דער כירורג האלט ביים ארויסלאזן א ניס, אדער זיין האנט האלט ביים געבן א גליטש, וואס זאלן מיר טון? דאס איז די שאלה. עס איז אן עת צרה. צי וועט דער ארעמער מענטש ווערן געראטעוועט?

נאך א פאל: אט איז א מענטש וואס לויפט אריבער אקעאן פארקוועי (ocean parkway). ער קוקט אויף ביידע זייטן, ער זעט גארנישט. אבער עס זענען דא אומזעבארע פונקטן, וואו דער בליק קען נישט דערגרייכן. און פונקט ביי יענעם ארט רייסט זיך אדורך אן אומפארזיכטיגער קאר, פונקט אין זיין ריכטונג - עטליכע טאן פון מעטאל שטויסט זיך אריין אין אים און נאך איידער ער כאפט זיך, פוף!

דאן קומט זיך שנעל צוזאם א דרינגענדע זיצונג ביים בית דין של מעלה. א שנעלער באשלוס דארף געמאכט ווערן. וואס גייט פאסירן? צי וועט דער קאר זיך אפשטעלן? צי וועט דער כירורג ניסן? צי וועט זיין האנט געבן א גליטש?

## דער מליץ יושר

פלוצלינג פאסירט עפעס אין הימל. די מצוה וואס דער מענטש האט אמאל געטון, דער לעבעדיגער מציאות וואס ער האט באשאפן, שטייט אויף פאר זיינעט וועגן אים צו באשיצן און ער ווערט געראטעוועט. דער באשעפער זאגט, "דער מענטש האט די מצוה וואס ער האט מקיים געווען בשלימות מיט אלע פרטים," און דער ניס קומט נישט אן. דער כירורג'ס האנט געבט נישט א גליטש. דער קאר געבט זיך באצייטנס א שטעל אפ אדער אפשר באמערקט עס דער מענטש אין די לעצטע סעקונדע און געבט שנעל א שפרונג אויף צוריק.

און אזוי אויך, ווען מיר זענען געשטאנען ביים ים סוף - לויט אלע חשבונות וואלטן מיר געדארפט דארט האבן אונזער סוף. מיר זענען געווען שוואכע מענטשן, אן קיין געווער, נישט טרענירט צו פירן מלחמה. און דא קומט די מאכטפולסטע ארמיי אין די וועלט שטורעמען קעגן אונז, מיט'ן פולן קראפט. די מצריים זענען געווען ווילד מיט אייפער. פרעה איז געווען אזוי אנגעטרונקען מיט בלוט דורשטיגקייט, אז ער האט איינגעשפאנט זיין וואגן אליין!

ביי דעם פונקט האט א מלאך זיך געלאזט הערן: צי איז דען נישט יוסף אויך געווען א הערשער אין מצרים? צי האט ער דען נישט געהאט דעם זעלבן חשק צו אויספירן דיין ווילן, באשעפער, אז ער האט געטון די זעלבע זאך און איינגעשפאנט זיין אייגענער וואגן? "אה," האט דער באשעפער געזאגט, "יא, יא; אצינד איז די צייט צו אפשלאגן די מעשים פון פרעה. זיין פרואוו צו פאטיליגן מיין פאלק וועט נישט האבן קיין השפעה, ווייל יוסף'ס אקט טוט איבערוועגן דעם גאנצן מיליטערישן כח."

# חלק ג. דער צוגאנג צו א מצוה

## גרעסער ווי די מצוה

אלזא, פארשטייען מיר אצינד אז ווען יוסף הצדיק איז ארויסגעגאנגען באגריסן זיין טאטן האט ער באשאפן א מציאות וואס איז געווען פעאיג צו דינען אלס פארטיידיגער; צו זיין א פרקליט. אבער עס פארבלייבט נאך דא א שאלה, ווייל דאס אז א מצוה זאל האבן דעם כח צו ראטעווען א גאנצע פאלק, און אז עס זאל שוועבן פאר 210 יאר ווארטנדיג אויף די געלעגנהייט צו משפיע זיין די ישועה, דאס איז עפעס אויסטערליש. יעדע מצוה איז א פרקליט אבער וואס איז דאס געווען מיט יוסף'ס מצוה פון ארויסגיין באגריסן זיין פאטער, אז עס האט געהאט אזא מעכטיגער כח? דאס איז א שאלה וואס פאדערט א תשובה.

ווען מיר ארייננקוקן אביסל טיפער אין די רייד וואס די חכמים האבן גענוצט ווען זיי האבן באשריבן די פאסירונג. הערט צו זייער אויסדרוק: "זאל קומען די איינשפאנונג פון יוסף הצדיק, זיין אקט פון איינשפאנען זיינע אייגענע פערד און דאס זאל בייקומען פרעה'ס איינשפאנונג פון זיינע פערד." עס שטייט נישט אז ווייל ער איז ארויסגעגאנגען באגריסן זיין פאטער האט די מצוה שפעטער צעטומלט פרעה. ניין, עס שטייט תבא אסרה, זאל קומען די איינשפאנונג וואס יוסף האט געטון, דער פאקט אז ער האט ארויסגענומען די פערד און זיי איינגעשפאנט מיט זיינע אייגענע הענט צום קעניגליכן וואגן, זאל דאס קומען און צעטומלען די איינשפאנונג פון פרעה.

יוסף איז געווען צופול מיט התלהבות איבערדי מצוה עס צו קענען איבערגעבן פאר א צווייטן. ווי מען דערציילט אויף דעם חפץ חיים זצ"ל, וואס א באזוכער האט אמאל איבערדערציילט ווי ער איז געקומען צו אים צו איבערשלאפן אין זיין הויז און דער חפץ חיים איז געלאפן אנצוגרייטן די בעט פאר אים. האט דער באזוכער זיך קעגנגעשטעלט, "רבי," האט ער געזאגט, "לאזט מיר עס טון אליין!" אבער דער חפץ חיים האט געזאגט, "אזא מצוה זאל איך אוועקגעבן פאר א צווייטן?! איך וויל עס טון אליין!" ער איז געווען אזוי פרייליך, פול מיט התלהבות; ממש ווי א יונגערמאן. ער האט נישט געוואלט מ'זאל אים העלפן.

דאס איז וואס יוסף האט געטון. ווען ער איז ארויסגעלאפן פון זיין פאלאץ זענען זיינע דינער אים נאכגעלאפן און געשריגן, "האר! ווארט! ווארט!" אבער ער איז געווען צו ענטוזיאסטיש זיי צו הערן. און אפילו אויב ער האט זיי יא געהערט, האט ער זיי איגנארירט צוליב זיין גרויס התלהבות.

## אן אנדער באשעפעניש

אט די צוגאבע צו די מצוה איז געווען וואס האט עס געגעבן אן אנדער סארט השפעה. די שמחה של מצוה וואס באגלייט א מצוה מאכט עס פאר גענצליך אן אנדער סארט באשעפעניש. עס האט באקומען א שטארקערן קראפט צוליב אט די התלהבות; אזוי שטארק, אז די מצוה איז געווען פעאיג צו משפיע זיין אזא געוואלדיגער נס, אז פרעה'ס ארמיי איז דערטרונקען געווארן אין ים סוף.

וואס וואלט פאסירט ווען יוסף וואלט נישט ארויסגעלאפן פון זיין פאלאץ צו איינשפאנען די פערד מיט זיינע אייגענע הענט? מיר וועלן קיינמאל נישט וויסן. עס וואלט געקענט זיין אז פרעה וואלט געהאט עפעס א שליטה. אפשר וואלט פרעה געקענט אטאקירן דאס אידישע פאלק. קען זיין אז דער באשעפער וואלט זיי דערנאך געראטעוועט, אבער אפשר וואלט פרעה געקענט אטאקירן און עטוואס שעדיגן. ער וואלט אפשר מצליח געווען צו טון אזוי ווי עמלק, צו אפהאקן די נאכשלעפערס. אדער אפשר ערגער.

אבער סיי וואס עס וואלט געקענט זיין, האט עס נישט פאסירט. צוליב די מאכטפולע מצוה וואס יוסף האט געטון מיט זיין התלהבות, האט פרעה גארנישט געטון אויסער צו גורם זיין אז זיין גאנצע ארמיי זאל איינזינקען אין ים. דאס אידישע פאלק האט געהאט אזא געוואלדיגער נצחון צוליב דעם אקט פון התלהבות וואס איין מענטש האט אויסגעפירט ווען ער האט איינגעשפאנט זיין אייגענער וואגן צו גיין באגריסן זיין טאטע.

## התלהבות'דיגע מצוות

מיר לערנען אצינד איבער די וויכטיגקייט פון שמחה של מצוה, פון טון מצוות מיט התלהבות. אודאי, אויב א מענטש האט התלהבות איבער אנדערע זאכן - לאמיר זאגן מענטשן קומען זיך צוזאם און זיי זינגען און טאנצן און קלאפן מיט די הענט אויף גארנישט - נישט איבער דעם רעדן מיר. אויב א שפילער געבט א שטויס מיט די טאבע און אלע ווערן ווילד: "האאאא!" יעדער קלאפט מיט די פיס און די בלוט ווערט אנגעהייצט מיט עקסייטמענט, דאס קען זיין שמחה אבער עס איז נישט קיין שמחה של מצוה; ס'איז א שאד אויף די אויפגעהייטערטקייט. אבער אויב טוסטו א מצוה און דו לייגסט צו דערצו אביסל התלהבות, איז עס נישט בלויז א צוגאבע; עס טראגט אן אומשאצבארער ווערד.

מיר טראכטן אז דער עיקר איז די מצוה און די התלהבות איז ווי אביסעלע פוץ, עס לייגט צו אביסל א גלאנץ דערויף. דאס איז א טעות. די התלהבות אליין איז א זייער גרויסע דערגרייכונג. אין פאקט, איז עס גרעסער ווי די גאנצע מצוה; עס דערהייבט די מצוה טויזנט מאל פילפאכיג.

## א מציאה

דאס ברענגט אונז צו די נושא פון מציאות. ווען דו טוסט א מצוה, קען עס פאדערן אביסל אנשטרענגונג זיך צו אויפהייבן און גיין צו א געוויסע ארט אדער אויסגעבן געלט און אינוועסטירן אביסל ארבעט. אבער איינמאל דו טוסט עס, טראכסטו אז די מצוה איז שוין געטון געווארן און געענדיגט. מיר מיינען אז דאס איז די וויכטיגסטע וואס איז ערווארטעט פון אונז.

אבער דא איז וואו מיר מאכן א גרויסן טעות ווייל עס איז דא עפעס וואס איז זייער גרינג צו טון וואס קען טוישן דעם גאנצן מהות פון וואס מיר טוען; און דאס איז, צו צולייגן אביסל התלהבות דערצו. דו טוסט עס סייווי, איז לייג כאטש צו אביסל שמחה דערצו. דאס איז וואס מיר לערנען דא אין דעם שיעור און ס'איז זייער א וויכטיגע לערע.

## געבן צדקה

לאמיר זאגן דו געבסט א דאלער פאר אן ארעמאן. שטעל זיך פאר א וויליאמסבורגער איד, א חסיד וואס האט א שטוב קינדער, קומט צו דיין טיר. ער ארבעט אין אפאבריק א גאנצן טאג, שווערע ארבעט אבער פאר א קליינע געהאלט, איז ביינאכט גייט ער ארום און פראבירט צו זאמלען אביסל מער געלט ווייל עס קאסט אים אסאך צו באצאלן שכר לימוד פאר דרייצן קינדער. ער זאמלט נישט קיין געלט פאר קיין לוקסוס אדער צו אוועקלייגן אין א באנק קאנטע, ער זאמלט געלט פאר שכר לימוד. קומט ער, לאמיר זאגן אין דעם שול וואו דו דאוונסט אדער צו דיר אינדערהיים, און דו ווילסט אים עפעס געבן. דו געבסט אים $1, $5, אדער סיי וויפיל.

אלזא, עס קאסט דיר סייווי די געלט, אבער אויב לייגסטו צו אביסל שמחה צו דעם אקט, ווערט עס נישט בלויז $5. דער ווערד דערפון שטייגט פילפאכיג. מיין נישט וועגן דעם אז דו קענסט געבן ווייניגער און צולייגן מער שמחה און אזוי וועסטו זיך שפארן אביסל געלט. דו ביסט נישט יוצא מיט שמחה. ער קען דאס נישט איינקאסירן אין גראסערי. דיין התלהבות וועט אים נישט העלפן באצאלן זיין שכר לימוד. אבער די נושא דא איז, אז נאך וואס דו באשליסט צו געבן די געלט - עס גייט דיר סייווי קאסטן $5 - איז יעצט אז דו וועסט ארויסווייזן אביסל שמחה, אויב וועסטו צולייגן אביסל התלהבות צו דאס געלט, מאכט עס אז עס זאל זיך אויסציען צו פיל מער ווי די פינף דאלער. עס שפרינגט ארויף און עס ווערט מאכטפול; דער גאנצער אקט ווערט איבערגעארבעט.

## אריינברענגען דעם שבת

וואס טוט זיך מיט התלהבות צום שבת? צי איז דאס א נייער געדאנק, צו זיין פרייליך אז דער שבת קומט? פיל אידן לעבן זייער גאנץ לעבן מיט ערליכקייט; זיי היטן ערליך דעם שבת און דאן, ווען דער שבת גייט פארביי שפירן זיי עפעס א פארלייכטערונג. זיי זיצן נאך שלש סעודות און קוקן אויפ'ן זייגער ווארטנדיג עס זאל אנקומען צום מאמענט ווען עס ווערט אויס שבת. איז דאס נישט א שאד? מיר ווערן געלויבט אלס א פאלק **המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבוא** - מיר שטופן אפ די צייט צו ארויסגיין פונעם שבת און מיר איילן זיך עס זאל שוין אריינקומען. און דאס איז זייער א וויכטיגע לויב.

מיינט נישט אז עס איז בלויז א קליינער פרט פון די מצוה. דאס איז אייגנטליך גרעסער ווי די מצוה!

אט איז א פרוי, זי האט שוין געבאקן חלות אדער אפשר האט זי עס געקויפט. זי האט שוין פלייש און פיש. זי האט שוין צוגעגרייט די טשולענט און אלע גוטע זאכן אויף שבת. און יעצט צינדט זי לעכט. זי צינדט עס סייווי, איז ממש פאר זי צינדט אן די לעכט דערמאנט זי זיך אז איינמאל האט זי געהערט פון דעם געדאנק, איז שטעלט זי זיך אפ פאר אפאר סעקונדעס און פראבירט אריינצוברענגען אין זיך א שמחה של מצוה, אז זי זאל זיין פרייליך מיט די מצוה פון אריינברענגען דעם שבת. וואספארא הערליכער איינפאל. עס איז כדאי איר זאלט עס פראבירן.

## ערוועקן די שמחה

די שאלה איז, וואו גייט מען צו באקומען שמחה של מצוה? צי דארפסטו עס באשטעלן פון קדם ווין פירמע? צי דארפסטו גיין צום ווייגעשעפטביים ווינקל פון גאס? ניין! עס ליגט פונקט דא, אין דיר. דו פארמאגסט זייער טיף אינערליך א קוואל פון שמחה און דאס גאנצע וואס דו דארפסט טון איז נידערן דעם אמפער און ארויסשעפן דערפון. אויב לערנסטו זיך ארויסצוברענגען פון דיר שמחה, האסטו דערגרייכט עפעס אויסערגעוועגליך. אודאי פאדערט עס אביסל עבודה אבער עס קאסט נישט קיין געלט. עס קאסט נישט קיין געלט צו ארויסברענגען שמחה און התלהבות.

וואס איז דער פשוט'סטער אופן צו שאפן א שמחה של מצוה? אינוועסטירן א קליין ביסל ענערגיע און טראכטן ווי גליקליך דו ביסט אז דו קענסט מקיים זיין א מצוה און דאנק דעם באשעפער אז ער האט דיר געגעבן די געלעגנהייט. דו ביסט פון צווישן די גליקליכע וועלכע זענען באפוילן געווארן צו אויספירן דעם געבאט פון הקדוש ברוך הוא!

די גמרא (בבא קמא לח:) זאגט א זאך וואס איבערראשט פיל מענטשן: "**גדול המצווה ועושה** - א מענטש וואס טוט עפעס ווייל ער איז באפוילן געווארן דורכ'ן באשעפער עס צו טון איז גרעסער ווי איינער וואס טוט עפעס פון אייגענעם ווילן." נאכאמאל - א מענטש וועלכער טוט זאכן פון אייגענעם רצון איז נישט אזוי גרויס ווי א מענטש וועלכער טוט זאכן וואס ער איז באפוילן געווארן דערצו דורך די תורה. דאס פארוואונדערט פיל מענטשן, ווייל פאר אונז זעט אויס אז זיך אנצוטראגן פון אייגענעם ווילן צו טון עפעס, זעט אויס ווי פיל א גרעסערע מדריגה. אבער מיר לערנען אצינד אז ס'איז פיל חשוב'ער ווען דו ווערסט באפוילן, ווייל דאס מיינט אז דו ביסט אויסדערוועלט געווארן! דו ביסט אויסדערוועלט געווארן דורכ'ן באשעפער אים צו דינען!

## קונה זיין קדושה

דערפאר ווען מיר טוען א מצוה זאגן מיר "**ברוך אתה ה'**, מיר דאנקען דיר באשעפער, **אשר קדשנו במצותיו**, וואס דו האסט אונז געהייליגט מיט דיינע מצוות." א מצוה טוישט דיר! א מצוה מאכט דיר קדוש. פארוואס? וואס איז דא אין א מצוה וואס מאכט דיר הייליג? ווייל **וצונו** - ער האט אונז באפוילן.

"איך טו וואס דו, באשעפער, האסט מיר באפוילן!" א מצוה דערהייבט דיר; דו ווערסט א נייער מענטש. דו ביסט אנדערש געווארן אויף אייביג דורך די מצוה. **וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים** - דו טוסט מיינע מצוות און דו ווערסט קדוש, דו ווערסט הייליג. הייליג! דאס איז עפעס א דערגרייכונג, צו ווערן הייליג!

דו דארפסט אריינטראכטן אין דעם איידער דו טוסט א מצוה: 'ווי גליקליך בין איך אז איך קען טון א מצוה.' דו דארפסט טראכטן, 'ברוך אתה - איך דאנק דיר, באשעפער! איך בין פול מיט הכרת הטוב צו דיר, אשר קדשנו במצוותיו- אז דו האסט אונז געמאכט הייליג דורך די געבאטן; אז איך האב די זכי'.'

## באפ די געלעגנהייטן

ווען א מאן אדער א אינגל גנב'ט אראפ אפאר מינוט צו עפענען א גמרא און ער חזר'ט איבער אפאר שורות, אדער ווען א קליינע מיידל האט א געלעגנהייט צו מכבד זיין איר מאמע - אנשטאט צו זאגן, "מאמי, געב מיר א גלאז וואסער," שטעלט זי זיך אויף און ברענגט פאר איר א גלאז וואסער - דאן ווערסטו הייליג דורכדעם. נישטא עפעס בעסערס אויף די וועלט!

אפילו אויב דו מאכסט נישט יעצט א ברכה - נישט פאר יעדע מצוה מאכט מען א ברכה - דאן,

זאלסטו טראכטן די ווערטער: ’איך ווער קדושדורך די פאר מינוט פון לערנען... דורך ברענגען פאר מיין מאמע א גלאז וואסער.’ טראכט די ווערטער, ’דו מאכסט אונז קדוש, און מיר דאנקען דיר פאר די מצוות. וצונו! וצונו! וצונו! מיר זענען אזוי פרייליך אז דו האסט אונז באפוילן!’

## וואש זיך מיט שמחה

דו דארפסט אלעמאל דאנקען דעם באשעפער פאר די געלעגנהייטן צו טון מצוות; נישט נאר ביי א מצוה דאורייתא, אפילו ביי א מצוה דרבנן. אויב וואשסטו דיינע הענט צו א סעודה - דאס איז א תקנת חכמים צו וואשן די הענט פאר'ן עסן ברויט - דאן ווערסטו הייליג. וואספארא זכי'! בשעת דו מאכסט זיך גרייט צו וואשן דיינע הענט און זאגן א ברכה טראכט, ’ווי גליקליך בין איך אז איך האב די מצוה פון וואשן מיינע הענט פאר א סעודה!’

עס זענען דא מענטשן וואס ווען זיי יאגן זיך זאגן זיי, ”איך וועל עסן א קליין שטיקל קוכן, אזוי וועל איך זיך נישט דארפן וואשן די הענט.” אויב איז ער אין א גרויסער איילעניש, ער וויל גיין טון עפעס דרינגענד, ווי לערנען תורה, גוט. אבער ווען נישט, זאל ער וויסן אז ער דערלייגט א געלעגנהייט פון קונה זיין א זייער גרויסע מאס קדושה וואס מ'באקומט דורך זיך וואשן די הענט. ער זאל מדקדק זיין אין אלע הלכות וואס דורכדעם ווערט ער קדוש; יעדן מאל ווערט ער מער און מער קדוש.

אט דער געדאנק דארף זיין דער גרעסטע שטויסקראפט צו טון יעדע מצוה מיט שמחה; און אט די התלהבות, די שמחה, טוישט דעם גאנצן טאט. עס ווערט נישט בלויז אביסל גרעסער די מצוה; עס ווערט מיטאמאל איבערגעפארעמט פון סיי וואס עס איז, צו עפעס אינגאנצן א נייער סארט מציאות. ס'איז גרויס, ס'איז ריזיג און ס'איז מאכטפול. עס גייט האבן א השפעה.

## פארגרעסער דיינע מצוות

דערפאר דארפן מיר פארשטיין אז צו טון מצוות איז אונזער גרעסטע זכי' אויף די וועלט. איר אלע טוט מצוות א גאנצע צייט. איר אלע זענט ערליכע מענער און פרויען; איר אלע היטן סיווי די תורה. איז עס אבער נישט א שאד וואס איר דערלייגט, ווען עס איז אזוי לייכט און עס קאסט גארנישט צו צולייגן אביסל שמחה, אביסל התלהבות, צו אייערע מעשים?! עס קאסט אייך נישט קיין איבריגע פרוטה און איר וועט צוריקבאקומען אזויפיל מער פאר אייער געלט. סיי וויפיל געלט אדער צייט אדער אנשטרענגונג די מצוה וועט דיר קאסטן, אויב וועסטו צולייגן דערצו אביסל שמחת המצוה, שטייגט דער ווערד אין א ריזיגער מאס.

און דערפאר, ווען דו טוסט א מצוה דארפסטו געדענקען אז א גרויסן טייל פון די שלימות דערפון ווענדט זיך אין די התלהבות. דו קענסט טון מצוות אן התלהבות, אבער עס איז א שאד. ווען דו לייגסט צו שמחה צו די מצוה מאכט עס א גרויסן חילוק אויף די וועלט און דער באשעפער נעמט דאס אין חשבון פיל מער ווי די מצווה אליין.

און אויב וועסטו דאס האלטן אין קאפ, אויב וועסטו אלעמאל געדענקען ווי גליקליך דו ביסט צו זיין א מצוה ועושה, וועט עס ווערן לייכט צו ארויסגעבן התלהבות. צומאל וועט אפילו ערוועקט ווערן א גרויסער מאס התלהבות. און דאס וועט איבערטוישן די מצוה און עס פארגרעסערן טויזנט מאל פילפאכיג. פונקט ווי יוסף'ס מצוה איז פארגרעסערט געווארן צו טויזנט מאל מער אויף די וועלט און געראטעוועט דאס אידישע פאלק, אזוי וועלן אויך דיינע מעשים פארגרעסערט ווערן אויף די וועלט, און אויף אייביג און אייביג אין עולם הבא.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**ווען איז ריכטיג אז א מענטש זאל באשטימען פאר זיך א תענית יחיד (א פערזענליכער פאסט טאג)?**

### תשובה:

איך קען נישט זאגן אלע זאכן, אבער אמאל האט א מענטש געטון עפעס נישט ריכטיג און כדי זיך צו ברענגען צו שפירן ווי נישט ריכטיג עס איז געווען, איז כדאי ער זאל זיך מחייב זיין צו פאסטן א תענית.

למעשה, איך פערזענליך וואלט נישט געהייסן צו פאסטן א תענית. א מענטש וואס האט עובר געווען אויף זייער א גרויסע עבירה האט מיר אנגעקלונגען. ער האט געוואלט איך זאל אים זאגן ווי אזוי צו תשובה טון. האב איך אים געזאגט ער זאל לערנען מסילת ישרים צען מאל, פון דעקל צו דעקל. האט ער געפרעגט, "צען מאל?!" האב איך געענטפערט, "יא, צען מאל. און אייל זיך נישט, גיי שטייט." דאס איז וואס איך האב אים געזאגט. צען מאל דורכלערנען מסילת ישרים איז בעסער ווי צו פאסטן א תענית יחיד.

אבער אמאל אז א מענטש וואס האט געזינדיגט וויל נישט לערנען מסילת ישרים, און ער דארף האבן עפעס אלס א קנס, אים צו מאכן פילן אז ער האט עפעס דערלייגט. א טאג ווען דו עסט נישט דארף דיר העלפן אנערקענען אז דו האסט עפעס דערלייגט. דו האסט דערלייגט א פרישטאג, דו האסט דערלייגט א מיטאג, דו האסט עפעס דערלייגט. און דו האסט חרטה אז דו האסט עובר געווען אויף די עבירה וואס האט גורם געווען אז דו זאלסט דערלייגן די מאלצייטן. דער אמת איז אז א זינד איז גורם צו דערלייגן פיל מער ווי א מאלצייט, אבער א מאלצייט דינט כאטש ווי עפעס א משל, אז דו זאלסט וויסן וואס דו האסט דערלייגט מיט די זינד. אלזא, איז ווערד צו מאכן א תענית אויף א חטא וואס מען האט חלילה עובר געווען. כאטש עס איז בעסער, ווי איך האב געזאגט, צו לערנען מסילת ישרים מערערע מאל; דאס איז די בעסטע.